**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/6/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון 6 מיליאן פראיעקט צו איבערפלאסטערן נאנט צו 20 מייל פון די ניו יארק סטעיט טרו-וועי (I-90) אין סענעקא און ארטאריא קאונטיס**

***פראיעקט נעמט אריין פולע-טיפקייט גאס פאררעכטונג און איבערפלאסטערונג פאר אומגעפער 80 סך הכל לעין מיילן צווישן עקזיט 42 (דזשענעווע - ליאנס - NY רוט 14) און עקזיט 44 (קאנאנדעיגע - וויקטאר - NY רוט 332)***

***פראיעקט ערווארטעט צו ווערן פארענדיגט אין הערבסט 2025 און איז טייל פון מער פון 45 מיליאן אין טרו-וועי קאפיטעל פארבעסערונג פראיעקטן אונטערוועגס אינעם צענטראל ניו יארק און פינגער לעיקס ראיאנען***

גאווערנער האקול האט היינט אנאנסירט דאס אנהויב פון א 6 מיליאן אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקט צו איבערפלאסטערן נאנט צו 20 מייל, אדער מער פון 80 סך הכל לעין מיילן פון די ניו יארק סטעיט טרו-וועי (I-90) אין סענעקא און ארטאריא קאונטיס די פראיעקט נעמט אריין פולע-טיפקייט פאררעכטונג אויף I-90 איסטבאונד און וועסטבאונד צווישן מיילשטאנג 327.5 ביז מיילשטאנג 347.1, וואס געפונט זיך צווישן עקזיט 42 (דזשענעווע - ליאנס - NY רוט 14) און עקזיט 44 (קאנאנדעיגע - וויקטאר - NY רוט 332). אומגעפער 28,000 רייזנדע נוצן דעם שטרעקע פון I-90 אין ביידע ריכטונגען יעדן טאג.

"ניו יארק איז אנשטלאסן צו מאדערנעזירן אונזער טראנספארטאציע סיסטעם און אינוועטירן אין אינפראסטרוקטור פראיעקטן צו פארבעסערן זיכערהייט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אינוועסטירונגען געמאכט דורך די טרו-וועי אויטאריטעט העלפן באהעפטן קאמיוניטיס, פארשטערקער אונזער עקאנאמיע, און פארבעסערן די איינוואוינערס' קוואליטעט פון לעבן."

**טר-וועי אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר פרענק ג. הועיר האט געזאגט,** "די טרו-וועי איז איינס פון די מערסטע פארזיכערטע הויפט שאסייען אינעם לאנד, מיט טייל פון די נידריגסטע טאל ראטעס. מיר אינוועסטירן צוריק די טאל געלטער אינעם סיסטעם פאר וויכטיגע אינפראסטרוקטור פראיעקטן צו מאדערניזירן די שאסיי. דאס איז איינס פון עטליכע פלאסטערונג פארבעסערונג פראיעקטן באשטימט אויף די טרו-וועי דאס יאר צו בעסער מאכן זיכערהייט, לענגער מאכן די סערוויס לעבן פונעם שאסיי און פארבעסערן די רייזע ערפארונג פאר טויזנטער רייזנדע."

די פראיעקט נעמט אריין פולע-טיפקייט גאס פאררעכטונג אויף פארשידענע פלעצער לענגאויס די 20-מייל-לאנג שטרעקע, ווי אויך איבערבויען די זייטיגע עקן פון די גאס. פולע-טיפקייט גאס פאררעכטונגען זענען ווען מאנשאפטן נעמען אינגאנצן אוועק און ערזעצן די מערסט-צופאלענע טיילן פון די שטרעקע פון די שאסיי אריין ביז די טיפסטע שיכט. אומגעפער 80 פראצענט פון די טרו-וועי'ס צעמענטענע טיפסטע

שיכט איז נאך פון די 1950'ס און אריגינעל צום טרו-וועי סיסטעם. די פאררעכטונגען וועלן פארבעסערן די עקזיסטירנדע שאסיי'ס סטרוקטורישע פעסטקייט.

נאך זיכערהייט פארבעסערונגען נעמען אריין נייע רעפלעקטיווע ליניע פאסן און אויפגעהויבענע פאסן אויף די זייטן פונעם שאסיי וואו מען הערט אויב מען פארט אראפ פונעם ליניע ( milled-in audible roadway delineators, MIARD).

סענעקא סטאון קארפאראציע פון סענעקא פאלס, ניו יארק, האט אריינגעגעבן די נידריגע קאנטראקט פארשלאג נאך א פארמעסטנדע בידינג פראצעדור.די פראיעקט איז ערווארטעט צו פארענדיגט ווערן אין הערבסט 2025.

דרייווערס קענען זיך מעגליך טרעפן מיט ליניע שליסונגען אויף די הייוועי אינאיינעם מיט טרעפיק טוישונגען און אפשטעלונגען אינעם צייט וואס די ארבעט האלט אינמיטן. אלע ארבעט ווענדט זיך אויף די וועטער און קען זיך טוישן. דרייווערס ווערן געמוטיגט צו זיין אויף די וואך און אויספאלגן די געשילדערטע ארבעט זאנע שנעלקייט באגרעניצונג. קנסות ווערן געדאפלט פאר'ן פארן שנעל אין אן ארבעט זאנע.

צו נאכמער פארבעסערן זיכערהייט פאר ארבעטער אין אן ארבעט זאנע, האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א געזעץ צו אוועקשטעלן די אוטאמאטישע ארבעט זאנע שנעלקייט אינפארסירונג פילאט פראגראם. דער זיכערהייט אינפארסירונג פראגראם האט זיך אנגעהויבן אין אפריל 2023 און וועט זיין אין קראפט אין פארשידענע בוי-ארבעט זאנעס אויף די טרו-וועי. ארבעט זאנעס מיט קאמערא אינפארסירונג וועלן האבן קלארע שילדן פירנדיג צו די ארבעט זאנע. דרייווערס וועלכע פארלעצן די ספיעד לימיט וואס שטייט אויף די שילדן אין די ארבעט זאנע וועלן באקומען א טיקעט. פארלעצונג טיקעטס וועלן ארויסגעשיקט ווערן צו די קאר'ס רעגיסטרירטער אייגנטומער דורך די פאסט. מער אינפארמאציע איבער דעם פראגראם קען געפונען ווערן [דא](#).

**סטעיט סענאטאר פעם העלמינג האט געזאגט,** "די אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג שטיצט ביזנעסער און קאמערס און פארבעסערט זיכערהייט פאר אונזערע טראק דרייווערס און רייזנדע. איך שעץ די שווערע ארבעט פון אונזער טרו-וועי און טראנספארטאציע מאנשאפטן און מוטיג דרייווערס צו זיין אויף די וואך און אויספאלגן די געשילדערטע ארבעט זאנע שנעלקייט באגרעניצונג כדי צו אפהיטן די ארבעטערס."

**אסעמבלימיטגליד דזשעף גאלאהאן האט געזאגט,** "אלס א פארטרעטער פאר טיילן פון די פינגער לעיקס און צענטראל ניו יארק, בין איך גאר פרייליך צו זען דאס אנהויב פון דעם קריטישן פראיעקט צו בעסער מאכן איינס פון די ראיאן'ס וויכטיגסטע טראנספארטאציע קארידארן. אומגעפער 28,000 רייזנדע נוצן דעם שטרעקע פון די ניו יארק סטעיט טרו-וועי (I-90) אין אנטאריא און סענעקא קאונטיס יעדן טאג. די אריינגענומענע גאס קוואליטעט פארבעסערונגען און זיכערהייט אפגרעידס וועלן שטארק בענעפיטירן דרייווערס דורכאויס דעם ראיאן און נאכמער!"

**סענעקא באורד פון סופערווייזערס טשעיר מייקעל ענסלאו האט געזאגט,** "דאס באדייטנדע אינוועסטירונג אין די ניו יארק סטעיט טרו-וועי טרעט פאר א וויכטיגע פארבעסערונג צו אונזער ראיאן'ס אינפראסטרוקטור. דורך אדרעסירן די גאס אומשטענדן און איינפירן פארגעשריטענע זיכערהייט אייגנשאפטן... 

**אנטאריא באורד פון סופערווייזערס טשעיר טאד קעמפבעל האט געזאגט,** "מיר זענען צופרידן מיט די גאווערנער'ס מעלדונג און די פארבעסערונגען פאר זיכערהייט און רייזונג וואס די פראיעקט וועט ברענגען פאר אונזערע איינוואוינער און באזוכער."

**איבער די טרו-וועי אויטאריטעט**

די גאווערנאר טאמאס אי. דוויי טרו-וועי, געבויט אין די פריע 1950 יארן, איז איינע פון די עלטסטע באשטאנדטיילן פון די נאציאנאלע אינטערסטעיט הייוועי סיסטעם און איינע פון די לענגסטע טאל ראודס אין די לאנד. די אנהאלטונג און אפעראציע פון די טרו-וועי סיסטעם איז בעיקר פינאנצירט דורך טאלס. די טרו-וועי אטאריטעט באקומט נישט קיין באשטימטע פעדעראלע, סטעיט, אדער לאקאלע טעקס געלטער און ווערט באצאלט דורך די וואס פארן אויפן טרו-וועי אריינרעכענענדיג א דריטל פון דרייווערס פון אינדרויסן פון סטעיט.

די טרו-וועי איז פאררעכנט צו זיין איינס פון די זיכערסטע שאסייען אין די לאנד מיט א פאטאליטאט ראט פיל נידריגער ווי די אינדעקס פון לאנד, און טאל ראטעס זענען צווישן די נידריגסטע אין לאנד אין פארגלייך צו ענליכע טאל ראודס. די טרו-וועי'ס באזע פאסאנזשיר אוטא טאל ראטע איז ווייניגער ווי $0.05 פער מייל, פארגליכן צו די אהייא טורנפייק ($0.06 פער מייל), די ניו דזשורסי טורנפייק ($0.11 און $0.31 פער מייל) און די פענסילווענע טורנפייק ($0.14 פער מייל). די אויטאריטעט'ס 2024 בודזשעט אינוועסטירט א סך הכל פון 451 מיליאן דאלער צו שטיצן זייער קאפיטעל פראגראם, וואס איז ערווארטעט צו אינוועסטירן 2.4 ביליאן דאלער אין קאפיטעל פראיעקטן איבער די קומענדיגע פינף יאר - א 500 מיליאן דאלערדיגע העכערונג נאך די לעצטנס איינגעפירטע טאל טויש. די העכערע אינוועסטירונג וועט פירן צו ארבעטן אויף אומגעפער האלב פון די טרו-וועי'ס איבער 2,800 לעין מייל ווי אויך פראיעקטן אויף אומגעפער 90 פון די טרו-וועי'ס 817 בריקן.

כדי צו באקומען די לעצטע אינפארמאציע איבער רייזע אינפארמאציע, ווערן דרייווערס געמוטיגט צו דאונלאודען די מאבייל עפפ וואס מען קען דאונלאוד'ען אומזיסט אויף iPhone און Android דעווייסעס. די עפ גיבט דרייווער דירעקטע צוטריט צו לעבעדיגע טראפיק און אנווייזונגען הילף בשעת'ן פארן. רייזנדע קענען אויך באזוכן די טרוּוועי אויטאריטעט'ס אינטעראקטיווע רייזנדע מאפע וואס פארמאגט לייוו טראפיק קאמערעס. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען TRANSalert אימעילס, וועלכע געבן איבער די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס די טרוּוועי.

פאר מער אינפארמאציע, פאלגט נאך די טרו-וועי אויף פעיסבוק, X און אינסטעגרעם, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן